**גוט שבת אלע אידן.** יוסף יצחק ראזענגארטען (נישט זיין עכטע נאמען) איז א חרדישע איד פון ארץ ישראל וואס האלט ביים ב״ה חתנה מאכן זיינע קינדער. אזוי ווי מען זעט טאג טעגליך אין בית מדרש, עס דרייען זיך כסדר אסאך אידן פון א״י וואס קומען נאך געלט צו דער גאלדענער מדינה צו חתונה מאכן קינדער און פאר אנדערע צוועקן. יוסף יצחק איז איינער פון די אידן וואס איז שוין עטליכע מאל געקומען קיין אמעריקע צוזאמענצונעמען געלט פאר הכנסת כלה. אמאל, ווען יוסף יצחק איז געקומען קיין אמעריקע, האט ער דורכגעלעבט א מוראדיגען געשעניש.

איין יאר, ווען ער איז געקומען קיין ניו יארק האט ער אנגעהויבן ארומצופארן דעם געגענט צו זיינע געוועהנטליכע פלעצער, למשל בארא פארק, מאנסי, און סקווירא אויך. יענע יאר האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל פארן קיין פלארידא ווייל ער האט געהערט אז עס זענען דארט גרויסע עשירים. ער האט געטראכט אז אפשר וועט ער דינגען א קאר און פארן דעם גאנצן וועג קיין פלארידא פון ניו יארק כדי ער זאל זיך קענען אפשטעלן און באזוכן די אידישע קהילות אויפן וועג. ער האט גענומען פארן קיין פלארידא אנהייב וואך און ער איז אנגעקומען דארט פאר שבת.

אין פלארידא האט ער ב״ה זייער שטארק מצליח געווען. ער איז ארומגעגאנגען אין יעדען שול און ער איז געגאנגען צו יעדען גביר. אין א שטיק צייט האט ער צוזאמענגעקליבן טויזנטע דאלערן. ער האט אנגעהויבן צוריקצופארן קיין ניו יארק ווען א מוראדיגע אומגליק איז געשען. ער איז געפארן אויפן הייוועי מיט זיין געדינגענע קאר ווען ער האט פלוצלינג באמערקט א קאר פארן הינטער אים מיט א רויטע ליכט וואס האט געבליצט אויף עס. א סטייט פאליצאנט האט אים אפגעשטעלט. א גרויסע שרעקליכע גויאישער אפיציר איז געקומען צו דעם פענסטער און ער האט געפרעגט יוסף יצחק אויב ער ווייסט פארוואס ער האט אים אפגעשטעלט. יוסף יצחק האט אים געענטפערט אז ער ווייסט טאקע נישט. דאן האט דער אפיציר אים געזאגט אז ער איז געפארן צו שנעל.

דער אפיציר האט געבעטן זיין לייסענס וכו׳. אבער, דער אינגערמאן האט נישט געהאט קיין געהעריגע דרייווער לייסענס. דער אפיציר האט אים גלייך ארעסטירט און אים געברענגט צו דעם קליינע תפיסה לעבן דעם פאליציי סטאנציע. זיין קאר האבן זיי אוועקגעשלעפט.

יוסף יצחק האט נישט געוואוסט וואס צו טון. ער איז געווען אין א פרעמדען לאנד, וואו ער האט נישט אזוי גוט געקענט דעם שפראך, און ער האט נישט געוואוסט וואס צו טון אין אזא פאל. מיט די ביסל ענגליש וואס ער האט געקענט, האט ער פרובירט צו מסביר זיין פארן אפיציר אז ער האט קיינמאל נישט מכוון געווען צו טון שלעכטס, נאר, ער אז געווען פון א פרעמדען לאנד, וכו׳. דער אפיציר האט אים געענטפערט אז נישט וויסן דעם געזעץ איז נישט קיין תירוץ. באלד דערנאך האט אים דער פאליצאנט געברענגט פאר א שופט. דער שופט האט אים געגעבן א קנס פון כך וכך געלט. יוסף יצחק האט געזאגט "נאו פראבלעם" און ער האט ארויסגענומען א זעקל פיל מיט צוואנציגערס, פיפציגערס און הונדערטערס און ער האט אנגעהויבן צו ציילן דעם געלט פארן קנס אויפן פלאץ. ער האט איבערגעגעבן דעם געלט פארן באאמטער וואס איז געזיצן לעבן דעם שופט.

דער שופט און דער אפיציר האבן געקוקט מיט אפענע אויגן אויף דעם איד, וואס האט געהאלטן ביי זיך אזא סכום "קעש" – מזומנים. דער שופט האט אנגעהויבן צו פרעגן פון וואו דאס געלט איז געקומען. דער שופט האט יוסף יצחק חושד געווען אלס פארברעכער, א קרימינאל. ווייל אויף יענע הייוועי פארן אסאך פארברעכערס צווישן פלארידא און ניו יארק. דער שופט האט נאכאמאל איינגעשפארט יוסף יצחק. דער זעלבער פאליצאנט האט אוועקגענומען דעם געלט און געלייגט יוסף יצחק אין א קליינעם שטוב.

זיי האבן געלאזט יוסף יצחק מאכן צוויי טעלעפאן קאלס. אין דעם געגענט וואו ער איז ארעסטירט געווארן זענען נישט געווען קיין גרויסע אידישע קהילות. יוסף יצחק האט גערופן דעם רב פונעם פלאץ. דער רב האט אנגעהויבן צו טון שתדלנות פאר יוסף יצחק׳ס וועגן. יענער רב האט גערופן ארץ ישראל און געבעטן אז רבנים פון דארט זאלן שיקן הסכמות אויף יוסף יצחק. עס האט גענומען א שטיק צייט ביז מען האט געקענט באקומען פון ארץ ישראל די הסכמה בריוון. דער שופט האט די בריוון אנגענומען און ער האט ארויסגעלאזט יוסף יצחק פון תפיסה. דער פאליצאנט האט צוריקגעגעבן צו יוסף יצחק אלע זיין געלט מיט דעם געדינגענע קאר. יוסף יצחק האט באדאנקט דעם אייבערשטען אז ער איז באפרייט געווארן און ער האט צוריקבאקומען זיין הכנסת כלה געלט.

דער פאליצאנט האט באגלייט יוסף יצחק ארויס פון דער סטאנציע און די צוויי האבן געכאפט א שמועס. אלס נייגעריגקייט האט דער אפיציר געפרעגט יוסף יצחק פון וואו טאקע האט ער געהאט אזא סכום געלט. יוסף יצחק האט דערציילט ווי אזוי ער איז געקומען פון א״י, ווייל ער האט געדארפט מאכן חתונה א קינד וכו׳.

"אבער... פון וואו האסטו דעם געלט?" האט דער פאליצאנט געפרעגט נאכאמאל מיט וואונדער. דער איד האט אים מסביר געווען דער שיטה פון קלאפן אויף טירן פון אידן און בעטן צדקה.

"דו קענסט די מענטשן וואס האבן געגעבן צו דיר דעם געלט?" האט דער פאליצאנט געפרעגט. "ניין, זיכער נישט." האט דער איד געזאגט. "אויב אזוי, ווי אזוי קענסטו ארויסציען אזוי סאך געלט פון פרעמדע מענטשן?"

"דאס מיינט עס צו זיין א איד! טון חסד פאר א צווייטן." האט יוסף יצחק געזאגט. "אך..." האט דער גוי געזאגט, "איך בין נישט געבוירן געווארן אין די ריכטיגע רעליגיע!" דער קידוש השם איז געווען מוראדיג. דער גוי איז נתפעל געווארן צו זען דעם חסד צווישן אידן.

די היינטיגע פרשה איז די ערשטע פרשה וואס רעדט באריכות וועגן די הייליגע אבות, בפרט אברהם אבינו ע״ה. אברהם אבינו ע״ה איז באקאנט געווארן פאר די מידה פון חסד, ד״ה "חסד לאברהם." זאגט די גמרא "שלשה סימנים יש באומה זו: הרחמנים, והביישנין, וגומלי חסדים וגו׳" (יבמות עט.) דאס אידישע פאלק האט דריי סימנים, זיי האבן רחמנות אויף יענעם, זיי זענען שעמאודיק, און זיי טון חסד פאר א צווייטן. די חכמים גייען אזוי ווייט צו זאגן אז איינער וואס עס פעלט אים איינע פון די דריי מידות דארף מען אים חושד זיין אז ער איז נישט קיין איד! לאמיר אלע געדענקען דעם מעשה וואס ווייזט אויף דעם כח פון חסד. דורך דעם וועלן מיר אלע זוכה זיין צו ווייזן אז מיר זענען עכטע אייניקלעך פון אברהם אבינו. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר חיים יעקב צבי גרויס הי״ו לרגל שמחת לידת בתו • מזל טוב למוה״ר יעקב יוסף טויב הי״ו לרגל שמחת הנחת התפלין של בנו שמעון נ״י
מזל טוב למוה״ר משה דוב ריכטער הי״ו ולמוה״ר משה מנחם טויבענפעלד הי״ו לרגל שמחת נשואי בניהם בשעטומ״צ
מזל טוב למוה״ר מאיר ישראל אזרילעוויטש הי״ו לרגל שמחת נשואי בנו יעקב יוסף נ״י בשעטומ״צ
נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח״י
לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)
כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה